פאר אונזערע קינדער
דודל

אנגעפירט פונ'ם לערער פארבאנד פון די אידישע וועלטלאכע שולן אין וויניפעג

וואונדערבארע הענטלאך
פון העניע פאראלסקי

אייגעלאך, בלויאינקע,
ברוינינקע, שווארצינקע,
פנים'לאך ליכטיקע,
פריילאכע, הארציקע,
הענטעלאך פלייסיקע,
שטיפערישע, ריינינקע,
פנים'לאך, הענטעלאך,
פיסעלאך, אייגעלאך, —
כ'וועל אייך דערציילן
א משה'לע א שיינע
וועגן צוויי הענטעלאך
פלייסיקע, קליינע:

"שווארץ קעפעלע," — אזוי האט מען גערופן א אינגעלע מיט א קאפ שווארצע, געקרייזלטע הערעלאך, ווי א געדיכטער וואלד. אט האט אים דער רעגן אויסגעוואשען ס'קעפעלע, — זעט עס אויס ווי אן אויסגעצוואגענער וואלד; אט האט א ווארימער ווינט א גלעט געטאן זיינע הערעלאך און זיי אויסגעטריקנט; אט האבן די זונענשטראלן זיך צעטאנצט איבער זיין קעפעלע און שפילן זיך מיט אים, ווי א מאמע מיט איר קינד.

אלע האבן ליב שווארץ־קעפעלע'ן: די זון, דער רעגן, דער ווינט, אבער מער פון אלעמען האבן אים ליב די קינדער. אומעטום באגלייטן זיי אים, אין שפיל־הויף, אין שול, אויף דער גאס, און אפילו אין חלום. אן שווארץ־קעפעלע פילן זיך די קינדער עלנט, ווי אן א מאמען. אפילו דער הונט, די קאץ, דער פערד, די קו, די פייגעלאך, די בלימעלאך, — אלע, אלע, האבן אים ליב. עס ציט עפעס צו אים, דעם ליבן שווארץ־קעפעלע.

פאר וואס מען ליבט אים אזוי ווייס קיינער ניט. אפשר איז דאס דערפאר, וואס זיין קאפ שווארצע, געקרייזלטע האר גיבן אים צו אזויפיל שיינקייט צו זיין ווייס בלייך פנימ'ל; אפשר דערפאר, וואס ער קריגט זיך קיינמאל מיט קיינעם ניט, הויבט קיינמאל קיין האנט ניט אויף קיין צווייטן, צו אלעמען רעדט ער רואיק, שטיל, מיט אזויפיל ליבע. און אפשר דערפאר, וואס זיינע צוויי פינקלענדיקע אייגעלאך קוקן אויס, ווי צוויי ליכטיקע הימעלאך, — עפענען זיי זיך אויף ווערט ליכטיק, ווי די זון וואלט אריינגעשיינט, פארמאכן זיי זיך, — ווערט וואלקנדיק, צוריק פינסטער.

אבער, ניין! ניט בלויז דערפאר האט מען אים אזוי ליב געהאט. אט וועל איך אייך אויסזאגן דעם סוד: מ'האט אים ליב געהאט צוליב זיינע צוויי וואונדערבארע הענטעלאך. קיינמאל רוען זיי ניט ביי אים, די הענטעלאך. שטענדיק זיינען זיי פארטאן אין עפעס: אט בויען זיי פון קלעצעלאך א הויז ארומגעצוימט מיט א שיינעם גארטן; אט בויען זיי א נעסטעלע, שטייט א פויגעלע דערביי און לערנט זיך אויסבויען א שענערע, א בעסערע נעסט, ווי אירע. וויל ס'פויגעלע אפדאנקען שווארץ־קעפעלע'ן פאר דעם, פליט עס אלע פרימארגן צו צו זיין פענסטערל און זינגט אים א לידעלע וועגן דער פרייהייט וואס וועט קומען אויף דער וועלט, און וועגן דעם ווי אלע קינדער וועלן אמאל זיין ליקלאך, עס וועלן ניט זיין קיין ארימע און רייכע, יעדערער וועט זיך פרייען און זינגען און אפילו זיין מאמע וועט שוין מער קיינמאל ניט וויינען און ארבעטן אזוי שווער, — זי וועט זינגען און ארבעטן.

הערט ער זיך צו שווארץ־קעפעלע צום פייגעלעס געזאנג און פארטראכט זיך א ווײַלע . . . נאר אט זיינען זיינע הענטעלאך ווידער פארנומען: ער מאכט א טיפן גריבעלע מיט זיינע פלייסיקע הענטעלאך, גראבט ארויס די שטיקעלאך ערד, נעמט צו ביסעלאך וואסער פון א ריטשקעלע דערביי, קנעט עס און קנעט ביז ער שאפט א פיגורל פון דעם, וועלכעס זעט אויס פונקט ווי א מענשעלע. אלע קינדער שטייען ארום שווארץ־קעפעלען מיט פארגאפטע אייגעלאך און באוואונדערן זיינע הענטעלאך, וואס טוען אויף אזויפיל ארבעט יעדן טאג און ווערן ניט מיד. און שווארץ־קעפעלע בשעת זיינע הענטעלאך ארבעטן שמייכלט מיט א זיסן שמייכל און זינגט אזוי פריילאך:

איך האב צוויי הענטעלאך קליין,
ארבעט איך און ווער ניט מיד.
ארבעט איז גוט און שיין,
זינג איך מיט דערביי א ליד.
זינג איך היינט און זינג איך מארגן,
האב איך קיינמאל ניט קיין זארגן,
זינג איך מיר מיין ארבעט ליד
און ווער קיינמאל גארנישט מיד . . .
אזוי איז געגאנגען די צייט.

איינמאל אבער, ווען דער קאלטער ווינטער איז געקומען, ווען גרעזעלאך און בלימעלאך זיינען איינגעשלאפן אין א לאנגן זיסן שלאף, האט שווארץ־קעפעלעס זיידע א וואונק געטאן צו זיין אייניקל מיט זיין ווייסער בערד: "ס'קאלט, אריין אין שטוב, שווארץ־קעפעלע!"

האט זיך שווארץ־קעפעלע געזעגנט מיט'ן שול־הויף, ווייל קיין שיך האט ער ניט געהאט, און אן שיך ווייסט איר דאך, קינדער, טאר מען זיך אין דרויסן ניט שפילן. שטייט שווארץ־קעפעלע און טראכט: וואס זאל ער טאן? עס איז אים אומעטיק אויפ'ן הארצן ער בענקט נאך די קינדער, נאכ'ן שניי. ער קוקט אין פענסטער, — קינדער יאגן זיך מיט שליטעלאך, מען קוליעט זיך אין שניי, ווי אין פוכיקן בעטגעוואנט, מען גליטש זיך אויפ'ן אייז, מען פאלט, מען לאכט, מען טראגט אזעלכע ווארימע שיך, מאנטעלאך, און היטלען . . .

שווארץ־קעפעלע קלאפט אין פענסטער: "קומט אריין, ליבע קינדערלאך, שפילט זיך מיט מיר!" אבער די קינדער פילן זיך אזוי גוט, אזוי ווארים, אונטער זייערע וואלענע מאנטעלאך. זיי ווארפן זיך מיט שניי־פילקעס, זיי גיבן א ווארף א גרויסע קיילאכדיקע שניי־פילקע אויף זיין פענסטער און רייצן זיך מיט אים: "קום ארויס שווארץ־קעפעלע, זע, וועסט אויך האבן רויטע בעקעלאך" . . .

שווארץ־קעפעלע טראכט ווידער און טראכט, ביז . . . — ער ווייסט שוין וואס צו טאן. ער לויפט שנעל צו מיט א פריילאכן שפרונג צו זיין מאמען און שרייט אויס: "מאמע, כ'האב א געדאנק! מארגן וועל איך זיך קאנען שפילן מיט די קינדער אויפ'ן ווייכן שניי! איך וועל אויפנייען פון געוואנט א פאר שיך . . . זעסט אט דאס קארטאנענע קעסטעלע, — איך וועל עס אויסשניידן און אריינליינען אין די שיך וועט די קעלט ניט אריינגיין" . . .

"גוט, מיין קינד", — האט זיך די מאמע אפגערופן מיט א שיינענדיקן פנים. זי האט זיך אוועקגעזעצט לעבן שווארץ־קעפעלע און באטראכט די פליסיקע פינגערלאך, וועלכע ארבעטן שנעל און פריילאך, — אט האט ער גענומען א מאס פון זיין פוס, אויסגעשניטן דעם קארטאן און אריינגעליינט אין די שיך, געמאכט לעכעלאך מיט דער שער פאר די שנירעלאך.

"איצט גיי שלאפן, מיין קינד," — האט די מאמע געזאגט מיט אן אומעטיקער שטימע, — "מארגן וועסטו זיך שוין שפילען אין דרויסן גלייך מיט אלע קינדער."

אן איבערגליקלאכער איז שווארץ־קעפעלע געגאנגען שלאפן מיט'ן געדאנק, אז מארגן וועט ער טראגן די נייע שיך און זיך שפילן אין דרויסן מיט אלע קינדער. ווי א צינגעלע איז ער אריינגעשפרונגען אין א ים פון שמאטעס וואס זיינען געלעגן אויסגעשפרייט אויפ'ן דיל פאר זיין בעט. א זיסער קינדערשער שלאף מיט שענסטע חלומות האט אים פארוויגט. אט טוט ער אן די שיך, אזוי ווייך, אזוי ווארים, אזוי גרינג, אט שפרינגט ער מיט זיי פון בעט גלייך אין דרויסן און ווארפט זיך מיט שניי־פילקעס גלייך מיט אלע קינדער . . .

פרימארגן, צוזאמען מיט דער זון, איז שווארץ־קעפעלע אויפגעשטאנען. פלוצים איז אים דורך א געדאנק — די נייע שיך! ער לויפט שנעל צו צו דער מאמען טאנצנדיק און זינגענדיק: "מאמע, מיינע נייע שיך!"

"יא, מיין קינד, דיינע נייע שיך שטייען אין ווינקעלע און ווארטן אויף דיר", — ענטפערט די מאמע טרויעריק, און א פאר טרערן, ווי רעגן טראפנס קייקלען זיך גלייך ארויף אויף זיין געקרייזלטן קאפ.

שווארץ־קעפעלע נעמט ארום זיין מאמען, קושט זי, און איר פנים ווערט ווידער שיינענדיק. ער האט זי ניט געקאנט פארשטיין: וואס הייסט זי וויינט, ווען זיין הארץ ווערט צעשאסן פון פרייד? ער האט ארויסגעשלעפט אויף גיך זיינע נייע שיך, זיך געגעבן א שטעל אוועק, א קאלטער שטויס האט באדעקט זיין שטערן, אזוי קאלט איז אין זיי געווען. אבער באלד איז אים דורכגעלאפן א געדאנק: "גיי אין דרויסן, שנעלער, די זון שיינט!" אין א פאר מינוט ארום האט ער זיך שוין געקוליעט אין פוכקן שניי, געבויט שניי שטיבעלאך, געמאכט שניי מענשעלאך מיט זיינע פלייסיקע פינגערלאך און האט פריילאך געזונגען:

קינדער, קינדער, לאמיר זיך דרייען,
צוזאמען מיט די ווייסע שנייען,
נאך א שעה און נאך א שעה
און דער ווינטער איז ניטא!
אט אזוי, אין ריי אריין,
לאמיר קינדער, פריילאך זיין,
נאך א שעה און נאך א שעה,
און דער ווינטער איז ניטא!

אלע קינדער זיינען גליקלאך, וואס שווארץ־קעפעלע שפילט זיך צוזאמען מיט זיי, אבער קיינער האט ניט געפילט די נאסקייט און די קעלט וואס האט זיך אריינגעגנב'עט צו שווארץ־קעפעלע'ן אין זיינע נייע שיך. פלוצלונג דערזעט ער א קליין שווארץ־ווייס קעצעלע צוזאמענגעדריט ווי א קנוילכל, זיצט און מיאוקעט, ווי איינער זאל ריידן אויף זיין לשון: "מיר איז קאלט, ווארים מיך אן". שווארץ־קעפעלע האט גענומען דאס קליינע שווארץ־ווייס קעצעלע, אריינגעלייגט עס צו זיך אין בוזעם און עס אריינגעטראגן אין שטוב: "מאמע," —רופט זיך אן שווארץ־קעפעלע מיט א רחמנות געפיל, — "דעם קעצעלע איז קאלט אין די פיס, איך וועל פאר דעם אויך אויפנייען א פאר שיכעלאך" . . .

די מאמע האט ארומגענומען שווארץ־קעפעלען מיט'ן קעצעלען און געזאגט מיט אירע שמייכלענדיקע, אבער טרויעריקע אויגן: "קינד מיינס, דאס קעצעלע, האט שוין שיכעלאך, זעסט דאס פוטערל אויף זיינע פיס . . . דאס קעצעלע איז אבער הונגעריק. קום וועל איך אייך ביידן געבן עסן, ארימע קעצעלאך מיינע!"

אויגעלאך בלויאינקע,
ברוינינקע, שווארצינקע,
פנים'לאך ליכטיקע,
פריילאכע, הארציקע,
הענטעלאך פלייסיקע,
שטיפערישע ריינינקע,
פיסעלאך, ווינטעלאך,
פרייאינקע, שיינינקע,
פנים'לאך הענטעלאך,
פיסעלאך, אייגעלאך,
כ'האב פארענדיקט ס'מעשה'לע,
ס'שיינע,
וועגן די צוויי הענטעלאך, ניכע און קליינע.

ענטפערס אויף בריוו

אזבל ריטשמאן, אייטונא

כ'וואלט זייער געוואלט וויסן ווי אלט דו ביסט און וואו דו לערנסט. באשרייב דיין דארף, ווי אזוי ס'זעט אויס און וואס פאר א מענשן זיינען ביי אייך. איז דא א אידישע שול ביי אייך? וואס טוען די אידן וואס וואוינען ביי אייך אין דארף? ס'וואלט געווען זייער אינטערעסאנט, ווייל א סך פון אונז זיינען אין אייטונא קיינמאל ניט געווען.

דיין זומער באשרייבונג איז נאך ניט גענוג שיין צום דרוקן.

* * *

רפאל יארש, אייטונא

דיין מעשה'לע געפעלט מיר און כ'האב געבעטן דעם זעצער ער זאל עס אפדרוקן וואס פריער. קאנסט אפשר נאך אזעלכע מעשה'לאך? באשרייב דיין "סקול" ווי זי זעט אויס און ווי דו פארברייננסט דארט. האסטו גאר קיין חברים ניט? איך ווייס אז ס'זיינען דא דארט אידישע מיידלאך. איך שרייב זיי היינט בריוועלאך. פארוואס חבר'סטו זיך ניט מיט זיי? מ'קען ניט זיין פריילאך אן חברים און חבר'טעס און א אינגעלע דארף פריילאך זיין.

* * *

סיליע ארנשטאק, וויניפעג

עס פארדריסט זייער וואס איך קאן ניט דרוקן דיין איבערזעצונג פון שענקעוויטשס מעשה'לע. ס'איז טאקע זייער א שיין מעשה'לע. אבער אין אידיש זיינען שוין דא עטלאכע גוטע איבערזעצונגען. איינע אזא איז געווען געדרוקט אין דעם זשורנאל "דער חבר". וואס דערשיינט אין ווילנע. שיק צו עפעס אנדערש.

* * *

עני ראבינאוויטש, אייטונא

דו רופסט דיין ווינטער באשרייבונג, דערציילונג. ס'איז אבער ניט ריכטיק. א דערציילונג מיינט, אז מ'דערציילט עפעס א מעשה'לע וואס איז געשען, אדער האט געקאנט געשען. אבער אזא באשרייבונג ווי דיינע רופט זיך שילדערונג. אבער א שילדערונג דארף זיין זייער שיין אנגעשריבן. מ'דארף באשרייבן די זאך אזוי, אז די וואס לייענען עס איבער זאלן די זאך זעען אזוי ווי לעבעדיק פאר זיך. דיין "ווינטער" איז נאך ניט געשריבן אזוי שיין. פרואוו אפשר אנשרייבן עפעס אנדערש. איז אייטונא א שיין דערפל? הא?

* * *

אברהם פאזין, וויניפעג

שרייב בעסער וועגן דיין לעבן אין שול. דאס מעשה'לע "משה'לע אין וואלד" איז בלויז אן איבערדערציילונג. אין "קינדער ווינקל" ווערן געדרוקט נאר אייגענע מעשה'לאך. דו שרייבסט שיין אידיש. גיב איבער א גרוס דיין לערער.

לילי ראבינאוויטש, אייטונא

כ'בין זייער צופרידן, וואס דו האסט מיר געשריבן ביי וועמען דו לערנסט אידיש, ווייל איך האב די וואך באקומען עטלאכע מעשה'לאך פון די קינדער פון אייטונא. האב איך זיך געוואונדערט: ווער קען דאס לערנען די אידישע קינדער אין אייטונא? ביסטו געקומען מיט דיין בריוועלע און האסט מיר עס דערציילט. וועל איך דערפאר בעטן דעם זעצער ער זאל אפדרוקן דיין בריוועלע, כדי אלע זאלן וויסן דאס זעלבע. א שיינעם דאנק דיר פאר'ן בריוועלע. גיב איבער א גרוס די קינדערלאך פון אייטונא און א באזונדערן גרוס אייער לערערקע.

בענצעלע גיטערמאן, וויניפעג

דו שרייבסט וועגן ווינטער. היינטיקס יאר האבן מיר אבער דעם ווינטער נאך ניט געזעען און פון פאראיארן האסטו אביסעלע פארגעסן. דערפאר שרייבסטו וועגן ווינטער אזוי ווייניק.

ווארט צו, ווען דער ווינטער וועט שוין זיין ביי אונז אויף אן אמת׳ און דאמאלסט שרייב ווידער אן. אז ס'וועט זיין גוט וועלן מיר עס דרוקן.

צו אלע קינדער וואס לייענען דאס קינדער ווינקל

מיר ווילן אייך נאכאמאל דערמאנען אז איר זאלט שרייבן בריוועלאך צו אונז, און זאגט אונז וועלכע מעשה'לאך און לידערלאך זיינען אייך געפעלן.

יארקטאן, סאסק.

זונטאג, דעם 26טן אקטאבער, איז דא דורכגעפירט געווארן א טאנץ אין תלמוד תורה זאל, וואס האט אריינגעבראכט $15.75 און עס איז פארטיילט געווארן $7.75 פאר דער יארקטאנער ת"ת, 4 דאלאר פאר דער "לײדיס אייד", און 4 דאלאר פאר דער הדסה.

סעם כהן

אונזער פראטעסט קעגן ענגלאנד

א גרויסע אויפרעגונג האט איצט ארומגעכאפט די אידן פון גאר דער וועלט קעגן דער ענגלישער רעגירונג. אומעטום, אין אלע גרויסע שטעט און לענדער, וואו אידן וואוינען, ווערן פאררופן פראטעסט פארזאמלונגען, וואס פאדערן, אז ענגלאנד זאל אפשאפן די נייע גזרות קעגן דער איינוואנדערונג פון אידישע ארבעטער אין ארץ ישראל, און אויך קעגן דער גזרה פון ניט טארן קויפן קיין ערד ביי די רייכע אראבישע פריצים אין פאלעסטינע, כדי צו קאנען אויף דעם באדן באזעצן אידישע ארבעטער.

אין 1917, אין דער צייט פון דער גרויסער וועלט־מלחמה, ווען די גרויסע מלוכות האבן פארזיכערט די קלענערע פארשקלאפטע פעלקער, ווי פוילן, ליטע, לעטלאנד און אנדערע, אז זיי וועלן צוריק באקומען זייער זעלבסטשטענדיקייט, ווי אלע אנדערע פעלקער, איז אויך ענגלאנד ארויס מיט איר אויפרוף צום אידישן פאלק, אז ארץ־ישראל ווערט באטראכט ווי די נאציאנאלע היים פאר די אידן. ד. ה. די אידן וועלן אויך קאנען בויען זייער אלטע היים, וואס איז מיט קארגע צוויי טויזנט יאר צוריק צעשטערט געווארן דורך די רוימער.

אט דער אויפרוף איז באקאנט אונטער דעם נאמען "די באלפור דעקלאראציע", וואס דער ענגלישער מיניסטער באלפור האט זי געשאפן אינ'ם נאמען פון זיין רעגירונג, האט ארויסגערופן ביי א סך אידן א גרויסע פרייד. די אידן האבן באמת געמיינט, אז די ענגלישע רעגירונג מיינט עס טאקע ערנסט מיט איר צוזאג, בפרט, אז די איבעריקע מלוכות האבן אויך געגעבען זייער הסכמה אויף דער באלפור־דעקלאראציע.

טויזנטער אידן זיינען געקומען פון פארשיידענע לענדער און גענומען בויען דאס לאנד. זומפן זיינען דורך זיי אויסגעטריקנט געווארן. די אידישע ארבעטער האבן געהאקט שטיינער, געפלאנצט וועגן, געגראבן ברונים'ער, געפלאנצט ביימער. דאס לאנד האט זיך אנגעהויבן אנטוויקלען. דער ישוב איז געוואקסן. אבער ענגלאנד, וואס האט איבערגענומען די הערשאפט איבער פאלעסטינע, האט ניט נאר ניט געהאלפן בויען דאס לאנד, נאר זי האט די אידן געשטערט נאך. ענגלאנד זוכט נאר אינ'ם לאנד אירע אייגענע נוצן.

אידן האבן געטענה'ט, פראטעסטירט, און ענגלאנד, ווי איר שטייגער איז, האט זיך געטאן וואס זי האט געוואלט. ס'איז דערגאנגען שוין אזוי ווייט, דאס ענגלאנד האט איצט ארויסגעגעבן א באפעל איינגאנצען ניט אריינצולאזן קיין אידישע ארבעטער אין פאלעסטינע, און אויך דאס די אידן זאלן ניט טארן קויפן מער קיין ערד, אין דער צייט ווען ס'ליגן נאך גרויסע שטיקער ערד איינגאנצן וויסט. די אידן אין דער גאנצער וועלט פילן זיך איצט שרעקלאך אנטוישט, אפגענארט פון דער ענגלישער רעגירונג. און דאס איז די זעלבע רעגירונג, וועלכע האט אין 1917 ארויסגעגעבן א גזרה צו פארמאכן די טויערן פונ'ם לאנד פאר די אידישע ארבעטער.

דערפאר האט איצט ארומגעכאפט די אידן פון גאר דער וועלט אזא ביטערער כעס און צארן קעגן דער פאלשער פאליטיק פון ענגלאנד.

— שוין גענוג חוזק געמאכט פון אונז!

— שרייען די אידן צו ענגלאנד. — מיר ווילן איר זאלט אונז ניט שטערן אין אונזער ארבעט! מיר ווילן צוריק אויפלעבן דאס צעשטערטע וויסטע לאנד!

צי וועט זיך ענגלאנד צוהערן צו די אידישע געשרייען איז נאך א פראגע. אבער אידן פארזיכערן און זאגן, אז זיי וועלן זיך ניט אפשרעקן און וועלן ווייטער בויען דאס לאנד צוזאמען מיט אלע ארימע ארבעטער, וואס וועלן ארבעטן און בויען פאר זיך א היים.

פ. ז.

——(::)——

קינדער שאפונגען

מיינע חברים

מיין הינטעלע איז קליין,
און מיין קעצעלע נאך קלענער
מיין הינטעלע איז שיין,
און מיין קעצעלע נאך שענער.

ווען איך שפיל זיך מיט'ן קעצעלע,
כאפט עס מיך ציפן און רייסן:
רוף איך צו דאס הינטעלע,
כאפט עס זי באלד בייסן.

גיב איך א שטופ דאס הינטעלע,
שרייט עס: האוהאוהאו!
נעם איך שוין דאס קעצעלע,
מאכט עס: מיאומיאומיאו!

עליק ספרינגמאן, 8 יאר,
אידנברידזש, סאסק.

——(::)——

פייגעלאך

איך האב געזען פייגעלאך,
פליענדיק ארום
פון איין בוים צום אנדערן,
זינגען און ווארטן אויף דער זון.

און ווען די זון שיינט ארויס,
זינגען זיי פאר פרייד,
זאג איך צו זיי: טייערע פייגעלאך,
זינגט און פליט געזונטערהייט!

לייבל ספרינגמאן, 10 יאר,
אידנברידזש, סאסק.

אין דעם לאנד פון אלטע וואנדער
פון מאני לייב

הינטער כעלעם מיט'ן וועג
בין איך אויף מיין פערד געלאפן
צו דעם לאנד פון אלטע טעג,
וואו די אלטע וואונדער שלאפן.

טראגט מיין פערד מיך אין גאלאפ,
ביז מיר קומען צו א גרעניץ.
שפרינג איך מיר פון פערד אראפ,
גיב איך מיר מיין ברייטן געניץ.

ווי איך געניץ אזוי ברייט־
טרעטן אפ פאר מיר בוימער,
נים א קלונג אן אלטע קיים,
קומט ארויס אן אלטער שומר.

שליסלען האלט ער אין זיין האנט,
אין דער צווייטער א לאמטערן:
— זיי א גאסט אין אונזער לאנד,
נאר דעם שלאף אונז ניט צעשטערן!

גיב איך נאר דעם ערשטן טראט,
גייען וואונדער פאר די אויגן
ליגט א שלאפעדיקע שטאט
אין א נאכט פון רעגנבויגן.

אידן וואקסן פון דער ערד,
מיט די בוימער פון די שטאמען־
גרינע עקדישן די בערד.
פאות ווי די רויטע קאמען.

אויגן — פולע טייכן שלאף,
ברעמען — דורכגעברענטע דערנער,
פון די שטערנס ווי ביי שאף
גאלדענע, געדרייטע הערנער.

און די ווייבער וואקסן זיי
ווי די צווייגן פון די ריפן.
ברעמען זילבערנע ווי פיי,
תחינות־האניק אויף די ליפן.

אויגן — פולע טייכן שלאף.
שיפן גאלדענע די הויבן.
בלויע אייטער ווי ביי שאף,
העלזער פרומע ווי ביי טויבן.

און ביי מאמעס פאר די פיס
הענגען קינדער ווי אויף צווייגן.
ווי די על, ווי די ניס,
ווי די מילגרוימען און פייגן.

אויגן — פולע טייכן שלאף.
בלוט און צוקער אויף די בעקלאך.
קלויען פיסלאך, ווי ביי שאף,
ווי די פיש מיט פלעדער עקלאך.

שלאפן אלע. שלאפט דער ווינט.
די לבנה — אויסגעהאנגען.
זיי צוקאפנס היטן הינט.
זיי צופוסנס היטן שלאנגען.

לעמפערט, וואלף און בער און האז,
מויז און ווילדטיר און קאטער.
טראגן שטריימלאך ביז דער נאז,
זשופיצעס פון פיפערנאטער.

און די חיות נייען אום
ניט צו ברומען און פארצוקן, —
פון סדורים דאוונען פרום,
און אויף דער לבנה קוקן.

גיב איך נאר דעם צווייטן טראט,
לויפן וואונדער פאר די אויגן:
רויטע הענער אויף דער שטאט
צינדן טאג פון רעגנבויגן.

אלע שטייען אויף פון שלאף.
אלע ציען זיך פארשלאפן;
גענעצן ווי פולע שאף,
שמייכלען לייטזעליק און אפן.

אויגן— פולע טייכן פרייד,
דורכגעלויכטן ווי א חלום.
חלום גיסט זיך אין די רייד,
אין די טריט גענאד און שלום.

מענש און חיה זיינען אויף.
שאלט א שופר פון דער ווייטן.
אויגן רייסן זיך ארויף
וואו מען זעט א רייטער רייטן.

שטרעקן אלע אויס די הענט,
ווערן הענט ווי ווייסע פליגלען.
שטייגן אלע איבער ווענט.
טאנצן קדיש איבער היגלען.
זינגט מען שירה אויף א קול,

אלע חיות זאגן: אמן!
ציטערט היגל, בארג און טאל
פון די הימלען ביז די תהום'ען.
רייט דער רייטער מיט זיין שווערד.

אין זיין קלייד זיין פורפלבלויען,
אויף זיין ווייסן קלארן פערד
מיט די פייערדיקע קלויען.
טויבן ווייסער פון דעם שניי.

פלאטערן פאר אים און ברומען;
איז דער רייטער גלייך צו זיי
אין דער שטאט אראפגעקומען.
גיב איך נאר דעם דריטן טראט,

ווייען וואונדער פאר די אויגן:
ווי פון חלום פאלט די שטאט
אין א שלאף פון רעגנבויגן.
אלע שלאפן. שלאפט דער ווינט.
די לבנה ארויסגעהאנגען.
זיי צוקאפנס היטן הינט.
זיי צופוסנס היטן שלאנגען.

און דער רייטער מיט זיין שווערד
בלייבט מיט זיי אין שטאט פארשלאפן,
שלאפט פארגליווערט אויף זיין פערד
ווי פון זילבער אויסגעגאסן.

גיב איך נאך א פערטן טראט,
ניט געשטויגן, פייל פון בויגן,
איז די וואונדערלאכע שטאט
ניט געווארן פאר די אויגן.

בלייב איך איינער אין א וואלד.
גיב איך מיר מיין ברייטן געניץ,
קומט דער אלטער שומר באלד
און באגלייט מיך ביז דער גרעניץ.

שליסלען האלט ער אין איין האנט,
אין דער צווייטער א לאמטערן:
גיי, פארגעס אויף אונזער לאנד —
נים ער מיר א שנעל אין שטערן.

וואונדער וואס איך האב געזען,
האב איך מיט דעם שנעל פארגעסן
הונגעריק בין איך געווען
דריי מעת־לעת אז ניט געגעסן.

בלייב איך אין דער נאכט אליין,
און מיין פערד איז ערגעץ נעלם.
איז ווי זאל איך איצטער גיין
מיט'ן וועג צופוס קיין כעלעם?

ווי איך שטיי אזוי און טראכט,
קומט צו מיר מיין פערד צולויפן
און מיר פליען אין דער נאכט.
פליען מיילן ווי די רייפן.



ווען ווייטיק קומט...
צוויי שטונדן נאכ'ן עסן

וואס א סך רופן "אומפארדייאונג" איז זייער אפט ניט מער ווי אן איבערפלוס פון זויערקייט אין מאגן. די נערוון פון מאגן זיינען איבערסטימולירט געווארן, און די שפייז ווערט זויער. די קארעקטור איז אן אלקאלאי, וואס נעטראליזירט זויערקייטן מאמענטאל. די בעסטע אלקאלאי וואס איז באוואוסט צו דער מעדיצינישער וויסנשאפט איז פיליפס' מילק אף מאגנעזיא. דאס איז פארבליבן דער סטאנדארד אנטי־עסיד מיט'ן דאקטוירים אין די 50 יאר זינט עס איז דערפונדן געווארן.

איין לעפל פון דער ניט־שעדלאכער, טעמ'לאזער אלקאלאי וועט נעטראליזירן מאמענטאל א סך מאל אזוי פיל זויערקייט, און די סימפטאמען פארשווינדן מאמענטאל. איר וועט קיינמאל ניט נוצן קיין גראבע מעטאדן ווען איר וועט איינמאל אויספרובירן די עפישענסי פון דעם מער אנגענעמען מיטל. א קליינע פלעשל איז גענוג צו ווייזן איר פארדינסט.

זייט זיכער צו קויפן עכטע פיליפס' מילק אף מאגנעזיא צוגעשריבן פון דאקטוירים פאר איבער 50 יאר צו קארעגירן איבערפלוס זויערקייט. 50 סענט א פלעשל אין יעדער דראג סטאר. קאמפליט דירעקשאנס פאר אירע פילע נוצן געפינען זיך מיט יעדער פלעשל.

די עכטע מילק אף מאגנעזיא איז שטענדיק א פליסיקייט — קיינמאל ניט א טאבלעט. ניט אכטונג אויף דעם פיליפס' נאמען אויף דעם פלעשל.

ס'איז געפערלאך
צו שפילן זיך
מיט
דעם
קאליר

דער באשעפער האט געמאכט קוילן שווארץ. מיר פארקויפן עס אין דעם קאליר, פונקט אזוי ווי די נאטור האט עס פראדוצירט. איר קאנט ניט איבעראנדערשן די נאטור.

ארדערט היינט און פאראייניקט זיך מיט אונזערע צאלרייכע "ווארימע" פריינט וועלכע "זיצן אין פארגעניגן" וואס אנבאלאנגט צופרידנהייט פון באהייצונג.

איין נייער קאסטאמער א טאג מוז קומען אין אונזער ריכטונג. ווען איר, טייערער לעזער, זיין דער היינטיקער?

טעלעפאנירט 86 394
ADAMS
D. E. COAL CO. LTD.
קוילן — קאוק — האלץ
קיין טשארדזש פאר סעקינג

ווינדאט קאול קא. לימיטעד
קוילן
קאוק
האלץ
בעסטע סארטן — פולי קוואנטיטי
שנעלע דעליווערי
Windatt Coal Co. Ltd.
307 Smith Street Phones: 27 347-8-9 - 28 745

די 4 לידערס פון דער
קאלעדאניען קוילן קא.
גאלט קוילן
די דאמעסטיק קוילן פון דער וועסט

איז שוין דער סטאנדארד קוילן פון דער וועסט פאר איבער 46 יאר. אלע באקוועמלאכקייטן זיינען באוואוסט דורך זייער סטאנדארד. דער סטאנדארד פון דאמעסטיק קוילן, איז גאלט.

גאלט ברענען די גאנצע נאכט
לאמפ, א טאן ____ $13.50 עגג, א טאן ____ $12.50

זעניט קאוק
די גוטע אמעריקאנער באהייצונג פאר יעדער היים, כעמיט באהאנדלט פאר שטויב פארמיידונג
עגג, סטאוו, נאט, א טאן ____ $15.50 פי., א טאן ____ $13.50

מעקלאוד ריווער
"עס איז הארט און הייס"
לאמפ, א טאן ____ $13.75 סטאוו, א טאן ____ $12.75

קענמאר בריקעטס
די 100% באהייצונג
א טאן ____ $15.50

די פאפולאריטעט און דער צוטרוי
געוואונען פון דעם פובליקום, וועלכע ווייסט, אז מיר טוען ניט סאבסטיטוטן וועלכע עס איז גריידס קוילן; די דאזיקע רעפוטאציע איז אנערקענט געווארן פון די סאמע אנפירנדיקע קוילן אפערייטארס פון מערב קאנאדע.
מיר זיינען שטאלץ צו זאגן, אז מיר זיינען די איינציקע קוילן דילערס אין אייער דיסטריקט, וואס הענדלען די אויבנדערמאנטע אנפירנדיקע קוילן און קאוק.
ווען איר קויפט אייערע קוילן דורך אונז זייט איר זיכער צו באקומען דעם סארט קוילן וואס איר פארלאנגט; מיט גוטער באדינונג און 2 טויזנט פונט צום טאן.

CALEDONIAN COAL CO.
PH. 51 653
יארד און אפיס
קארנער דזשארוויס און אייקינס

Carillon Cheese
TOASTS SLICES SPREADS

יעדער איינער האט ליב דעם געשמאקן שארפן פלייווער פון דעם דאזיקן נייעם פיינערן טעקסטשורד קעז. פראבירט עס.
Carillon Cheese
CARILLON CHEESE COMPANY, OTTAWA, CANADA.